בחזקת כשרין הן א' מהן אלו עמי הארצות שיש בהן דרך ארץ ושאר מצות ומרחיקין את עצמן מן הגזל ומן העבירה ומדבר מכוער והשני מהן אלו בני אדם שבאו לידי מקרא ומשנה ואין להם לב להבין והשלישי מהן אלו החכמים ותלמידיהן שמוסרין את עצמן למות באוהל להבין במקרא ובמשנה במדרש בהלכות ובאגדות עליהם אומר (ישעיה מב) החרשים שמעו וגו' · משל לשר שיש לו בנים ועבדים הרבה קצת מהן פקחין וקצת מהן אלמים וחרשים וסומין וקצת מהן בעלי מקרא בעלי משנה ותלמוד וקצת מהן בעלי מו"מ ויש לו לשר עסק ומלאכה עמהן כשהשר רוצה לעשות חשבונן אינו הולך אלא אצל בעלי מקרא בעלי משנה ותלמוד ואצל פקחין שבהן ועל אלו הוא אומר החרשים שמעו ועל אלו הוא אומר (שם) והולכתי עורים בדרך לא ידעו וגו' · ד"א בם עור ופסח אלו בני אדם שבאו לידי מקרא ומשנה והם מלוכלכים בדברים מכוערין וקשה לבעל הרחמים להפסידן מן העולם ומה ענין לומר אחריו הרה ויולדת יחדו אלו חכמי ישראל ותלמידיהן שמוסרין א"ע למות באהל במקרא במשנה במדרש בהלכות ובאגדות והן מתייגעין לארבע רוחות העולם מן דרום לצפון ומן מזרח למערב ומתחמדין ומתאוין ומצפין שאם ימצא אחד מהן פקח בד"ת שתנוח נפשו עליו ומה ענין לומר אחריו קהל

עצבות (אומעטיג זיין) איז א שלעכטע מדה ווארום א איד דארף שטענדיג דינען הקב"ה מיט שמחה, נאר דריי אומעטיגע איז פארהאנען וואס עס איז גוט ווארום זייער אומעטיגקייט איז פון וועגן אגוטן תכלית, דאס זיינען די עמי הארץ וואס האבען דרך ארץ און נאך מצות און דער ווייטערן זיך פון גזל און פון פאסקודנע זאכין נאר זייא זיינען אומעטיג פאר וואס זייא קענען ניט לערנען זיינען זייא מכניע דעם יצה"ר דורך זייערע אומעטיגקייט. ב) וואס קענען עשרים וארבע נאר זייער שכל פאר שטייט ניט אויף דרוף זיינען זייא אומעטיג. ג) דאס זיינען דיא חכמים און תלמידים זייא זיינען זיך מוסר נפש צו שטארבין אין גיצעלט פון בית המדרש צו פאר שטיין תנ"ך משניות מדרש הלכות ואגדות, א משל צו א שר וואס ער האט זין און קנעכט אתולע איינגע זעעדינגע און קלוגע איינגע פון זייא טויבע און שטומע און בלינדע איינגע פון זייא קענען עשרים וארבע איינגע וואס קענען משנה און תלמוד און איינגע בעלי משא ומתן און דער שר האט עסקים און מלאכות מיט זייא אז דער שר וויל מאכין אחשבון גייט ער נאר צו דיא בעלי מקרא בעלי משנה ותלמוד און צו דיא קלוגע וואס אין זייא, אויף דיא תלמידי חכמים גייט דער פסוק והולכתי איך וועל פירן בלינדע אין דיא וועג וואס זייא האבען ניט בעקלערט. נאך אפשט בם עור ופסח דאס זיינען מענטשין וואס זיינען גיקומען אויף דער וועלט צו לערנען עשרים וארבע און משניות אבער זייא האבען זיך איין גיריכט אין פאסקודנע זאכין און עס איז שווער צום בעל הרחמים איבער פירן זייא פון דער וועלט, און וואס איז דער ענין וואס עס שטייט נאך דעם אין פסוק הרה ויולדת יחדו דאס זיינען חכמי ישראל און זייערע תלמידים וואס זיינען זיך מוסר נפש פיזין טויט צו לערנען עשרים וארבע משניות מדריש הלכות ואגדות, און מאטערין זיך אין אלע פיר זייטין פון דער וועלט פון דרום אין צפון און פון מזרח צו מערב און זייא גלוסטין און ווילין און האפין אז איינער וועט דער גיין

דיא

אוצר החכמה

אוצר החכמה



גדול ישובו הנה אלו האנשים ונשים וטף ונער וזקן כולן חייבין להודות לו להקב"ה ולשפוך רחמים ולבקש תחנונים מלפניו ולבקש ממנו דעה ובינה והשכל שנאמר (שם יא) כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים:

אה"ח 1234567

**פעם** אחת הייתי עובר ממקום למקום מצאני אדם אחד שיש בו מקרא ואין בו משנה ואמר לי רבי אני רוצה לומר לפניך דבר אחד ומתיירא אני שמא תקפיד עלי אמרתי לו בני אם אתה שואלני בד"ת מפני מה אקפיד אני עליך ואמר לי רבי מפני מה נאמר (תהלים קלו) נתן לחם לכל בשר ונאמר (שם קמז) נותן לבהמה לחמה לבני עורב אשר יקראו ואדם אין מכין הוא לו אמרתי לו בני לא בד"א שאדם עושה בידו וכי אין הקב"ה מברך את מעשי ידיו יכול יהא יושב ובטל מן המלאכה או מן המשא ומתן ת"ל למען יברכך ה' אלהיך בכל מעשה ידך אשר תעשה ואמר לי רבי תשובה זו שהשבתני היא שטה הראשונה שאמרתי לך והיא מקובלת בעיני אמרתי לו בני יש כח לאבי שבשמים שיתן בי חכמה ובינה ודעה והשכל ואשיבך עוד על מה ששאלתני צא ולמד מן השוטה שעובר בשוק כיון שניטל ממנו חכמה ובינה דעת והשכל וכי הוא יכול לפרנס א"ע אפי' שעה אחת כך כל בני אדם כשתנטל ממנו דעת הרי הן חשובין כבהמה וחיה ועוף ושאר בריות שברא הקב"ה בעולמו מעיד אני עלי שמים וארץ שיושב

---

דיא תורה אן ספיקות דער נפש זאל האבען נחת. אונ וואס איז דער ענין וואס עס שטייט דער נאך קהל אגרויסער איינזאמלונג וועלין זיך אום קערין אהער דאס זיינען דיא מאנש פערזאנען אונ ווייבער אונ קינדער קליינע יונגע לייט אונ אלטע לייט אלע זאנען מחויב צוא דאנקען צוא הקב"ה אונ צוא פאר גיסין רחמים ותחנונים פאר גאט אונ צוא בעטין פון אים דעה בינה והשכל וויא דער פסוק זאגט כי מלאה הארץ דעה וגו' אז משיח וועט קומען וועט פול ווערין דיא לאנד וויסנשאפט פון גאט וויא וואסער דעקט צוא דעם ים:

אליהו זאגט איין מאל בין איך גינאנגען אין וועג האט מיר באגעגינט אמענטש וואס קען עשרים וארבע אבער ניט משניות זאגט ער צוא מיר רבי איך וועל עפעס פאר דיר זאגין איך האב אבער מורא טאמער וועסטו מקפיד זיין, זאג איך צוא אים אויב דוא וועסט מיר פרעגין אדברי תורה ווארום זאל איך מקפיד זיין זאגט ער צוא מיר רבי ווארום שטייט אין פסוק נותן לבהמה צוא יעדער בהמה גיט הקב"ה פארטיגע שפייז אונ צום מענטשין וואקסט ניט קיין פארטיגע ברויט? זאג איך ניט מיט דעם מענטשינס מאטערנעס שיקט גאט צוא דיא פרנסה דער צוא מוז הקב"ה געבען אמזל ברכה אין דיא מעשי ידיו פון מענטשין, איך וואלט מיינען אפילו ער זיצט ליידיג פון מלאכה אונ משא ומתן דרום זאגט דער פסוק בכל אשר תעשה ער וועט דיר בענטשין אין אלע ארבעט פון דיינע הענט, זאגט דער מענטש דאס וואס גאט העלפט דעם מענטשין וייס איך פון אן הייב אן דאס איז גיפעלין אין מיינע אויגין נאר מיר וואונדערט וואס באדארף דער מענטש אויך האבען צער ענטפער איך מיין פאטער פון הימיל האט כוח מיר צוא געבען חכמה ובינה דעה והשכל אן מאטערנעס פון דעסט וועגין האט הקב"ה גוזר גיוועזין אז מיט מאטערנעס קומט דער שכל, איך וועל דיר געבען צוא פארשטיין גיב אכטונג אמישוגענער

וואס .

הקב"ה ומחלק בידו מזונותיו לכל באי עולם ולכל מעש"ה ידיו שברא מאדם עד בהמה רמש ועד עוף השמים והכתוב הוא אומר (ישעיה לג) יראת ה' היא אוצרו · ד"א יראת ה' היא אוצרו משל לשר שהיו לו בנים ועבדים הרבה ומבקש להוכיחן כל א' וא' בפ"ע ורואה שאינן מקבלין עליהן התוכחות שלו מה עשה השר כתב כל דבריו על הנייר ותלאה בחצר החיצונה הראשונה אגרת פתוחה לכל אדם והכרוז יוצא מלפני השר ומכריז ואומר כל מי שיבא אל האגרת הזאת ויקרא אותה ויקיים כל מה שכתוב בה יבוא ויטול לרם ומזונות מלפני השר כך הן ישראל דומין בעוה"ז ובעוה"ב בדברי תורה כיון שבא אדם לידי מקרא ומשנה ומלמד מהן יראת שמים ומעשים טובים הן זנין ומפרנסין ומכלכלין אותן עד שיכנסו לבית עולמן שנאמר והיה אמונת עתיך חוסן ישועות חכמת ודעת יראת ה' היא אוצרו (שם) ואמר לי רבי מפני מה חביבין דברי תורה על הקב"ה יותר מכל באי עולם אמרתי לו בני מפני שדברי תורה מכריעין את ישראל לכף זכות ומחנכין אותן למצות ומביאין אותן לחיי עוה"ב משל לשר שיש לו בנים ועבדים הרבה בתוך ביתו ויש לו לשר עבד זקן בינידם שהוא מלמד את בניו דרכים נאים ומע"ט ובכל יום ויום כשנכנסין בניו ועבדיו לפניו מניח השר את כולם ואוהב את העבד הזקן שיש לו בתוך ביתו ואמרו לו עבדיו למה אהבת את העבד הזקן יותר מן הכל ואמר להם השר אלמלא עבד זקן זה שהוא מלמד את בני דרכים נעים ונעימים ומעשים טובים מה יהיה עליהן כך ד"ת הואיל ומכריעין את ישראל לכף זכות ומחנכין

---

וואס וועלגערט זיך אויפן גאס וויא דער שכל פעלט איז ער וויא א בהמה דוויבער מוז דער מענטש פאר שטיין אז דורך דעם שכל איז גלייך וויא נאט אליין גיט פארטיגע שפייז. זאגט אליהו הימיל און ערד ניינען אויף מיר עדות אז הקב"ה ציצט און טיילט מזונות נאך דיא נוציקייט פון אלע וואס קומען אויף דער וועלט און צוא אלע מעשי ידיו וואס ער האט באשאפין פון מענטשין ביז א בהמה פון ווערימלאך ביז פייגלאך פון הימיל און דאס מיינט דער פסוק יראת ה' היא אוצרו גאטש פארכטיקייט איז אנוטער אוצר צו פאר קלענערין דיא מאטערנעם פון פרנסה, דער וואס איז איין ירא שמים מיט איין אמת דארף ער זיך ניט אזוא מאטערין אויף זיין פרנסה, נאך אפשט יראת ה' היא אוצרו אמשל צוא אשר וואס האט זין און קנעכט פיל און ער האט גיוואלט שטראפין יעדערין בעזונדער און ער זעט זייא זייענן ניט מקבל אויף זיך דיא תוכחות זיינע, וואס האט גיטאן דער שר ער האט אויף גישריבען אויף אפאפיר גאר זיינע רייד און האט אויף גיהאנגען פון פארינט אין הויף אפין וואנט אפענע בריף פאר אלע מענטשין און דער שר האט גיהייסין אוים רופין ווער עס וועט לייענען דעם בריף און וועט מקיים זיין זאל קומען נעמען ברויט און שפייז פון שר, אזוא זיינען ישראל גלייך אנטקעגין דיא שפייז פון עוה"ז און עוה"ב דורך דיא דברי תורה וויא אמענטש קומט צוא מקרא ומשנה און ער לערינט פון זייא יראת שמים און מעשים טובים איז דער זכות פון דיא תורה ומעשים טובים שפייזט אים און גיט זיין באדערפעניש ביז וואנען ער ווערט נפטר אויף יענער וועלט. פרעגט ער מיר רבי וואָרום איז דיא דברי תורה ליבער פאר הקב"ה פאר אלין אין דער וועלט, ענטפער איך אים מיין זון וויל דברי תורה זיינען מכריע

ישראל



אוצר החכמה
אוה"ח 1234567